# זייער א ווינדערליכע מעשה פון בעל שם טוב הקדוש זצללה"ה

און בראָד האָבין גילערינט און דער ישיבה די דריי גאונים ר׳ יחזקאל סג"ל לנדא דער מחבר פון ספר נודע ביהודה און ר׳ מאיר מרגליות דער רב פון אוסטרהא און ר׳ גרשון קיטיבר דעם בע"ש שוואגער אויף דעם בראָדער קרייז רבס ווייב האָט מען געזאגט אַז זי איז ניט קיין ערליכע און די חכמים פון דער ישיבה האָבען גיט חוקר ודורש געוועז וועגען דער זאַך און זענען געוויאָהר געוואָרען אַז די זאַך איז אמת. און די חכמים פון דער ישיבה האָבין געוואלט מאַכען א פסק דער רביצען נאָר זיי האָבין מורא געהאָט פאַר דעם רב ווייל עד האָט גיהאָט א כח פון דער מלוכה. דער קרייז רב האָט גיהערט ווי די חכמי הישיבה רעדען פון דער זאַך האָט ער ארויס געגעבען א בעפעהל אז ווער עס וועט ריידען אויף זיין ווייב אבער מען זאָל איהם שלאָגען מלקות אָבער ער זאָל בעצאָהלען הינדערט קראָנען. זענין די דריי תלמידים דער נודע ביהודה און ר׳ מאיר מרגליות און ר׳ גרשון קיטיבר געגאַנגען צו דער אַסיפה וואס איז געוועזען ביי דעם רב און דער נודע ביהודה האָט דריי מאהל געשריגען פאַר דעם גאַנצען עולם איהר זאָלט וויסען אַז די רביצען איז אַ מופקרת און זי איז אסור צו איהר מאַן און האָט באַלד בעצאָהלט הינדערט קראָנען ער האַט געוואָלט מקדש השם זיין ברבים און ר׳ מאיר האט אויך אַזוי געשריגען נאָר ער האָט ניט גיהאָט קיין געלד צו בעצאָהלען האָט מען איהם געשלאָגען מלקות און ר׳ גרשון קיטיבר האָט אויך דאָס זעלבע געשריגען האָט מען

# אהלי שם

איהם אויך געוואָלט שלאָגען מלקות נאָר ווייל עס איז דאָרט געווען אַ גרויסער עולם איז איהם געלונגען צו אנטלויפען און איז אַנטלאָפען פון דער שטאָדט בראָד. נאָר די שטאָדט איז געווען פערצוימט מיט אַ פלויט האָט ער ניט גיקענט אַ ריבער געהן דעם פלויט און צים טויער האָט ער מורא געהאַט צו צי געהן מען זאָל איהם ניט כאַפען האָט ער ניט געוויסט וואס ער זאָל טוהן אויף דער צווייטער זייט פלויט איז געשטאַנען אַ ערל ער האָט צו איהם גירעדט פויליש און איהם געזאָגט קים צו איין ברעט בייגט זיך אוועק וועלען מירביידע עס גיט האַלטען וועסטו קענען אַ דורך געהן זיי האָבען אַזוי געטוהן און ער איז אַ דורך געגאַנגען און איז אנטלאָפען קיין מעזיביז צו זיין שוואָגער דעם בע״ש ווי ער איז געקומען צים בע״ש האָט איהם דער בע״ש גיגעבין שלום אין איהם געזאָגט איך האָב דיר געשיקט אליהו הנביא און געשטאַלט פון אַגוי ער זאָל דיר אוועק בייגען דאָס ברעט כדי זאָלסט קענין אנטלאפען. נאָך דעם האָט דער בע״ש געזאָגט מען האַט די דריי תלמידים גיפסקינט גרויסקייט ביי דעם ב״ד של מעלה. דער נודע ביהודה זאָל זיין רב אין פראג אין ר׳ מאיר מרגליות זאָל זיין רב אין אוסטרהא אין ר׳ גרשון קיטיבער זאָל זיין נשיא אין ארץ ישראל אויף אלע הייליגע זאכען אין עס איז טאַקי אַזוי גיוועזען פין דאנען לערנען מיר אַז אַ מענש דארף זיך מוסר נפש זיין פאַר קדושת השם וועגען.

---

## זייער אַווינדערליכע מעשה פון בעל שם טוב הקדוש זצללה״ה

דער בע״ש הקדוש האָט דער ציילט. אַ מאָהל איז געקומען

# אהלי שם

אַ חסיד פאַר דעם ב״ד של מעלה צים דין און האָט געהאַט פיעל מליצים טובים ווייל ער איז טאַקי געוועזען ביי זיין לעבען אַ ערליכער יוד. מען האָט איהם געוואָלט פסקינען דאָס גן עדן. איז געקומען צי לויפען אַ מלאך אין האָט אויף איהם מלמד חוב געווען. האָט גיפרעגט דער חסיד פאַר וואָס ער האָט דאָס געטוהן האָט דער חסיד גיענטפערט ער האט דאָס געטוהן ווייל דאָס ווייב האָט איהם געצווינגען צי דעם. ווי דער מלאך האָט דער הערט דעם תירוץ פין דעם חסיד האָט דער מלאך אָהן געהויבען צי לאַכין אין האָט געזאָגט וואָס איז דאָס פאַר אַ תירוץ. האָט מען דעם חסיד געגעבען אַ פסק אויף זיין עבירה. אין דעם מלאך פאַר וואָס ער האָט גילאכט פין דער חסיד האָט מען געפסקינט ער זאָל אַראָפּ געהן אויך אין דעם עולם אין זאָל נעמען א ווייב אַ שלעכטע אין מען וועט זעהן ווי אַזוי ער וועט זיך פיהרען. מען האָט געזעהן אַז ער דער ציילט די מעשה אויף זיך אַליין ער איז דער מלאך ווייל ער האָט איהם זייער אַשלעכט ווייב זי האָט איהם זייער מצער געוועזען. און זיא האָט עם קיין מאָהל ניט צורוה געלאָזט און וואָס ער האָט געטוהן איז איהר קיין מאָהל ניט גיפעלען און תמיד האט זי געהאַט מיט איהם מחלוקת.

---

## נאָר אַ ווינדערליכע מעשה פון בע״ש הקדוש זצ״ל

דער בע״ש הקדוש האָט אַ מאָהל געזאָגט צו זיינע חסידים זיי זאָלען פאָהרען און וועג אַריין און האָט זיי ניט געזאָגט ווי און צוליעב וואָס. די חסידים זענען געפאָהרען. זיי זענען געקומען און אַ דאָרף אַריין און האָבען געוואָלט עפּיס עסין האָט דער בעה״ב זיי געזאָגט ער האָט ניט קיין מולעכדיג עסין נאָר

# אהלי שם

פלייש די חסידים האָבען געהויבען אָהן חוקר ודורש צו זיין ווער דער שוחט איין און צו די בהמה איז גלאַט כשר אָהן אַסירכא און צו עס איז כשר געמאַכט אזוי ווי עס דאַרף צו זיין. ווי די חסידים האָבען אויס גיפרעגט ביי דעם בעה״ב האָט זיך צו זיי אָהן גערופען אַיוד פון אונטערען אויבען וואָס איז געגאַנגען אָהן געטוהן אָבגעריסינע מלבושים. חסידים, חסידים, דאָס וואָס איהר לייגט אַריין און מויל אַריין פרעגט איהר אייך נאָך צו עס איז כשר אָבער דאָס וואָס איהר לאָזט אַרויס פון מויל קלעהרט איהר ניט צו עס איז גיט צו ניט. דאָס הייסט אַז איהר ווילט עפּיס ריידען קלעהרט איהר ניט צו מען מעג דאָס וואָרט ריידען צו ניט. ווי די חסידים האבען דאָס דערהערט די ווערטער פון דעם יוד האָבען זיי פערשטאַנען אַז צוליעב דעם האָט זיי דער רבי געשיקט כדי זיך ארויס נעמען אַמוסר מען זאל וויסען גיט צו בערעכענען דאָס וואָרט איידער מען לאָזט עס ארויס פון מויל און זענען באַלד צוריק געפאָהרען דער אורח איז געוועזען אלי׳ הנביא זכור לטוב, פון דאַנען קענין מיר זיך ארויס נעמען אַ מוסר ווי וויט אַ מענש דאַרף בערעכינען דאָס וואָרט איידער ער לאָזט עס אַרויס פון מויל.

---

## אַ ווינדערליכע מעשה פון בע״ש הקדוש זצ״ל;

דער הייליגער בערדיטשעווער צדיק זצ״ל זכותו יגן עלינו האָט איינמאָהל שבת ביי נאַכט פערלאַנגט מען זאָל איהם ערצעהלען שלעכטס אויף דעם בע״ש הקדוש דאַרט איז געוועזין אַ מענטש און האָט איהם ערצעהלט אַז ווען ער איז געוועזין אין די שטאָדט פון בע״ש וועגען זיינע געשעפטען און ער צו איהם אַריינגעגאַנגען אין שוהל הערען זיין דאַווינען און ווי ער

# אהלי שם

האט געזאָגט יוצר משרתים ואשר משרתיו כלם עומדים כו׳ איז ער צו מיר צוגעלאָפען מיט אַ שטארקען כעס און האט צו מיר געשריגען ווי אַלייב. וואָס וועט דער מלאך מיכאל זאָגען וואָס וועט דער מלאך גבריאל זאָגען. און דאָס האָט אויסגעזעהן גענען דעם דין. אויף דעם האָט איהם דער בערדיטשעווער געענטפערט זאלסט וויסען אַז דער הייליגע בע״ש איז פאַר די פמליא של מעלה זעהר אַ גרויסער גוטער מליץ אויף יודען און ער פערטיידיגט זיי שטענדיג צו שטעלין דעם כעס אין הימעל אין ביי דעם דאַווענען ווען מען קומט צו די ברכה יוצר אור כו׳ כלם עומדים ומשמיעים. דאַמאָלס איז די צייט וואס די מלאכים אין הימעל ווי מיכאל און גבריאל פערזאַמלען זיך מלמד זכות צו זיין אויף יודען און דער הייליגער בע״ש איז דאַמאָלס אויך אַריינגעגאַנגען אין דעם גבול פון די מלאכים מלמד זכות צו זיין אויף יודען אין אַזוי איז טאַקי דאַמאָלס געוועזען און ווי ער האָט דיך דאַמאָלס געזעהן שטעהן פאַר איהם מיט די גרויסע עבירה וואס די האָסט טאַקי און דעם זעלבען טאָג געטוהן וואָס ער האָט אויף דיר קיין שום זכות נישט געקאָנט געפינען ווייל אַמאָהל ברענגט דעם מענטשען דאָס אָרעמקייט צו גנב׳ענען אָבער די ביסט דאך אַ רייכער יוד און האָסט דיך ניט געשעמט צו גנב׳ענען אין גאַסטהויז אַ זילבערנעם לעפעל דאַדורך האט ער נעבעך געשריגען צו דיר וואָס וועלען די מליצי יושר ווי די מלאכים מיכאל און גבריאל זאָגען אויף די זינד וואָס די האָסט געטוהן ווייל זיי האָבען אוף דיר קיין שום זכות נישט. ווי דער מענטש האט דאָס דערהערט האָט ער אָנגהויבען זעהר צו ביטערן, און דער בערדיטשעווער האָט איהם געזאגט אַז ער האָט קיין כפרה נישט ביז ער וועט געהן צום בע״ש און איהם בעטין אַז ער זאָל איהם געבען אַתשובה אויף די זינד;

ער האָט אַמאָל געזאָגט בדרך צחות. דער בורא יתברך

האָט זיך כביכול מיט אונז מתחתן געווען און האָט געזאָגט והייתם לי סגולה (איהר זענט מיר ליעב) ווייל מיר זענען מיוחסים. קינדער פון אברהם יצחק און יעקב. און די גאָט ווער איז דיין פאָטער. האָסט די דען אַ פאָטער אַ יחסן נאָר דו האָסט דיך פאַרגעשטעלט אַז די ביסט רייך מיט געלד אַזוי ווי עס שטעהט לי הכסף ולי הזהב נאום ה׳ (איך האָב דאָס זילבער און איך האָב דאָס גאָלד. גאָטס רייד). און איצט גיעב דאָס געלד וואָס די האָסט דיך מתחייב געווען.

איידך ער האָט אַ מאָהל דערזעהן ווי אַ בעל עגלה שטעהט אָנגעטוהן טלית און תפילין און שמיערט די רעדער פון וואָגען האָט ער מיט התלהבות אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל און געזאָגט זעה נאָר רבונו של עולם וואָס פאַר אַהייליג פאָלק די האָסט אַז ווען זיי שמיערען די רעדער געהן זיי אויך אָנגעטהון טלית און תפילין.

---

## א ווינדערליכע מעשה וואס דער בעש״ט האט דער ציילט.

מען האָט אַמאָהל גיוואָלט אוף נעמין אַ חזן אויף ימי נוראים אין אשטאָדט. האָט מען גיפרעגט דעם בעש״ט צי מען זאָל איהם אויף נעמען האָט ער גיענטפערט איך וועל אייך דער ציילען אַ מעשה, איך בין אַמאָהל געקומען אין אַ שטאָדט אַריין מנחה צייט אין בין גיוועזען גיט היינגערעג בין איך פריהר גיגאַנגען דאווינין מנחה. ביי מעריב האָט דער חזן אָהן געהויבען זינגען אַהבת עולם אַ ערך פין צוויי שעה האָב איך גיפרעגט דעם טעם דער פין האָט מען מיר ניט געוויסט צי זאָגען מען האָט מיר געזאָגט אַז שפּעטער וועט מען מאכין אַסעודה אין מען וועט פאר ליינען פין

## אהלי שם

פנקס אַרויס די מעשה. בין איך געגאנגען אויף דער סעודה אין איך האָב גיהערט פאַרליינען די מעשה. דאָס אין דער שטאָדט איז גיוועזען גרויסע מוסרים אויף די יודען ביז די גוים האָבין אָב גיפסקנט מען זאָל ארויס טרייבען די יודען פין דער שטאדט. אין דער שטאָדט איז גיוועזען אַ קריסטין וואָס אָהן איהר האָט מען ניט געטוהן אין זי האָט שטאַריק ליעבגיהאָט יודען. איז זי ביי נאָכט אַריבער גיגאַנגען צים ראש הקהל אין האָט איהם דער ציילט די גזרה אין זי האָט שטאַרק גיוויינט ווייל עס איז איהר אשאד גיוועזען די יודען. דער ראש הקהל איז תיכף אריבער געגאנגען צים רב אין איהם דער ציילט די גזירה האָט דער רב גוזר תענית גיוועזען עס האָט אָבער ניט גיהאָלפען די גזירה איז ניט בטל גיוואָרין די ערלים האָבין שוין גיהאָפט אויף דעם טאָג. האָט זיך דער שמש אויף גישטעָלט אין גיזאָגט איך וועל אייך זאָגען די סיבה פין דער גזרה דורך ווענען די גזירה איז ווייל ימים נוראים האָט ביי אונז גדאווינט אַ חזן ניט קיין ערליכער איז דורך זיין דאַווינען גיוועזען אקטרג אויף דעם הימעל און עס איז ארויס גיגאנגען דו גזרה און עס איז ניט דאָ קיין שום תקנה נאָר מיר זאָלין מאכין נאָך אַמאָהל אַ חודש אלול און ימי נוראים און מען זאל זיך פיהרען אוי ווי ר"ח אלול און יו"כ יעדען איינער זאָל תשובה טוהן וועט השי"ת זיך אויף אונז דערבארמען מען האט אַזוי געטוהן און דער שמש האָט אליין גידאַווענט פאַר דעם עמוד און דער טאג וואס די גוים האָבין גיהאָט אָב גישטעלט אַרויס צו טרייבען די יודען איז אויס געקומען און יו"כ און די גאַנצע שטאָדט האָט זיך איינגעזאַמעלט און שוהל אַריין דער שמש האָט גיזאָגט פאַר דעם עולם מוסר און האָט גיזאָגט אַז ער זעהט אַז די גזרה איז נאָך ניט בטל גיוואָרין ביז מען וועט אָבדאַווינען די אַלע תפילות פון יו"כ ווי זיי האבין גידאַווענט נעילה און זענין געקומען צו די ווערטער ה' הוא

# אהלי שם

האלקים דער גאַנצער עולם האָט דאָס גיזאָגט מיט גרויס דביקות און מסירת נפש און אלע ערלים האָבין זיך איינגעזאַמעלט צו דער שוהל זיך נוקם זיין און די יודען. זענין זיי משוגע גיוואָרען און האָבין זיך אָהן גיהויבען צו שלאָגען צווישען זיך ביז זיי זענין כמעט אַלע גיהאַרגיט געוואָרען האָט דער שמש געזאָגט יעצט איז די גזרה בטל געוואָרען האָבין זיי געוואָלט אָבדאַווינען מעריב געך אַזוי ווי דער שטייגער איז מוציו"כ צו דאַווינען מעריב געך האָט זיי דער שמש געזאָגט ניין מיינע קונדער און ער האָט אַליין געדאַווענט מעריב ווי זיי זענין געקומען צו אהבת עולם האבין זיי בעקומען שטארק דביקות און האָבין אָב גידאַווענט מעריב און זענין אַהיים גיגאנגען פרייליך און האָבין אויף זיך גענימען אז יעדין יאָהר און דער צייט צו זינגען אהבת עולם און צו מאכין אַ סעודה פאר אַ זכר אויף דער נס. יעצט דארפט איהר וויסען ווען מען צו נעמין פאר אַ בעל תפלה פון דאנען לערנין מיר אז מען זאל ניט קיקין אויף אחזן וואָס דאווינט שעהן נאָר דער עיקר איז ער זאָל זיין א ערליכער און א פרומער זכותו יגן עלינו: